# והאש על המזבח תוקד בו לא תכבה ובער עליה הכהן עצים בבקר בבקר וערך עליה העלה והקטיר עליה חלבי השלמים:

והכהן דוקא מקריב וכתיב ובער עליה הכהן עצים בבקר בבקר אך זה הוא משום שצ״ל המתקת הגבורות והיינו ע״י שהכהן איש החסד עוסק בהבערת האש והוא להיותו בכוונת רחמים וחסד ולכן היה בבקר דוקא בעת שהחסד מתעורר וכמ״ש כ״ז בזהר פ׳ צו (דכ״ז ע״ב) וכהנא יסדר עליה אשא בבקר בבקר כו׳ בגין לבסמא עלמא ולבסמא דינין וכדפי׳ הרמ״ז שם.

לקוטי תורה שיר השירים ל, ג

## אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה:

**הסעיפים: א.** ענינו, **ב.** תמיד תוקד על המזבח, **ג.** לא תכבה, **ד.** האש מכבה את ה„לא״, **ה.** ביאור פרש״י עה״פ בעבודה.

### א. ענינו:

וז״ש אש תמיד פי׳ יהי׳ לו קצת דביקות שנמשל לאש רשפי אש שלהבת י־ה על המזבח למי שזובח יצרו בקרבו לא תכבה כנ״ל.

כתר שם טוב ספ״ד

וכידוע בענין מזבח החיצון שהוא בחי׳ מלכות דאצילות ואש תמיד תוקד על המזבח הן ה״ג דמלכות שמבררים בירורים דרפ״ח ניצוצים כו׳, והו״ע העבודה בתפלה בבחי׳ אהבה בהתלהבות ורשפי אש כו׳ דאש זה דקדושה שורף ומכלה אש זרה דלער״ז.

המשך יו״ט של ר״ה תרס״ו ע׳ קכה

### ב. תמיד תוקד על המזבח:

אויפן פסוק אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה, זאגט דער ירושלמי[1]: „תמיד אפילו בשבת, תמיד אפילו בטומאה״.

ווי גערעדט שוין פיל מאל, זיינען אלע ענינים און עבודות פון משכן ומקדש הגשמי, אויך דא אין דעם משכן ומקדש הרוחני וואס געפינט זיך אין יעדן אידן.

1) יומא פרק ד הלכה ו.



מזבח איז די הארץ פון מענטשן. אזוי ווי אין מזבח הגשמי איז געווען דער מזבח החיצון ומזבח הפנימי, אזוי איז אויך אין הארץ פאראן חיצוניות הלב און פנימיות הלב[2]. דער מזבח אויף וועלכן עס איז דער ציווי אז תמיד תוקד על המזבח, איז דאס דער מזבח החיצון. וברוחניות: עס דארף זיין א התלהבות בגלוי, אין חיצוניות הלב — די הארץ זאל ברענען צו אלקות.

### ג. לא תכבה:

שבת איז דער ענין השביתה, אפגעטראגן פון וועלט. דערפאר זיינען דאך דעמאלט אסור עובדין דחול. אין עבודה פון נפש האדם, מיינט דאס השגה, וקראת לשבת עונג, וואס מצד דעם גילוי אור וואס ער איז משיג, איז ער אפגעטראגן פון אלע עניני העולם. קען ער דאך מיינען, אז וויבאלד ער איז פארטאן אין השגה, ער שטייט העכער פון התרגשות, דארף ער ניט האבן דעם פייער. זאגט מען אים, לא תכבה אפילו בשבת.

אין צווייטן קצה, דער וואס שטייט ווייט, ער מיינט אז ער האט שוין חס ושלום קיין שייכות ניט, זאגט מען אים לא תכבה אפילו בטומאה, קוק ניט אויף דיין מצב און — לא תכבה, זאלסט זען עס זאל ניט פארלאשן ווערן. זאלסט האלטן אין איין אויפבלאזן דעם „אש תמיד״, דעם אש אלקי וואס געפינט זיך ביי דיר ער זאל ניט פארלאשן ווערן. און דאס וועט ברענגען דעם „לא תכבה״ לויט ווי עס טייטשט דער מעזריטשער מגיד נ״ע[3], אז דער „לא״ — די אלע ניט גוטע ענינים — „תכבה״, וועלן פארלאשן ווערן.

לקוטי שיחות ח״א ע׳ 217

### ד. האש מכבה את ה„לא״:

רבינו הזקן סיפר: מהתורות שאמר מורי (הרב המגיד) לפני ביחידות, היתה תורה על הפסוק אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה, דהגם שהאש יורד מלמעלה באתערותא דלעילא, מצוה להביא מן ההדיוט, כי באתערותא דלתתא אתערותא דלעילא, כי רוח אייתי רוח ואמשיך רוח, רוח מלמטה אייתי רוח מלעילא, ואמשיך רוח מלעילא ולעילא. מצות עשה להעביר אש על המזבח, מזבח הוא אדם כי יקריב מכם, וההקרבה עצמה אינה מספקת, וצריכים להעביר אש על הקרבן אשר מכם, ואש זה לא תכבה, שהיא מכבה את ה„לא״.

את התורה הזאת אמר מורי לפני עשר פעמים — כדי לחקקה בעשר כחות נפשי — ויאמר לי, אתה תלמידי הנך נצרך להאש תמיד, לפי שעליך הוטל לכבות לא (של המנגדים) גדול. אתה תכבה את הלא והשי״ת יהפוך את הלא להן.

היום יום כ׳ אדר שני

2) לקוטי תורה דברים עח, ד.
3) ראה לקמן ס״ד.

ה. **ביאור פרש"י עה"פ בעבודה:**

פון פסוק „אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה" איז רש"י מעתיק די ווערטער „אש תמיד" און איז מפרש: „אש שנאמר בה תמיד הוא שמדליקין בה את הנרות שנאמר בה להעלות נר תמיד אף היא מעל המזבח החיצון תוקד".

. . . די הוראה פון דעם בעבודת ה':

די כלים וואס זיינען געווען אין משכן ומקדש טיילן זיך בכללות אויף צוויי סוגים: די כלים וואס זיינען געשטאנען בפנים — מזבח הפנימי, מנורה ושלחן; מזבח החיצון כו'.

אין עבודת האדם זיינען עס די צוויי אופני עבודה: די עבודה מיט זיך אליין (בפנים), און די עבודה צו טאן און פועל זיין אויף א צווייטן אידן, צו מקרב זיין אויך די וואס זיינען אין „חוץ" און חלקו ב(חוץ —) עולם בדוגמת מזבח החיצון וואס דוקא אויף אים האט מען מקריב געווען די קרבנות פון אלע אידן, דאס איז דער ארט פון בירור עניני העולם.

ובפרטיות יותר: הדלקת המנורה איז דער ענין התורה, כמ"ש „כי נר מצוה ותורה אור", און אויף דעם שטייט „להעלות נר תמיד", (ווי חיוב ת"ת, משא"כ מצות), ובפרט בשעת ס'איז תורתו אומנתו, דעמאלט איז מען בבחי' „נר תמיד" — שטענדיק מקושר מיטן אויבערשטן.

קען א יושב אוהל טענה'ן: וויבאלד ער קען זיין אן „אנגעצונדענע מנורה" און אין אן אופן פון „להעלות נר תמיד", דארף ער ניט אנקומען צו מצות, אפילו ניט צו א מצוה עוברת, און — עאכו"כ: וואס דארף ער האבן צו טאן מיט עניני העולם אדער אפילו מיט א צווייטן אידן וואס בערך מקום (ומעלת) יושב אוהל געפינט ער זיך ב„חוץ"?

אויף דעם קומט די הוראה, אז די מנורה (ווערט) דארף אנגעצונדן ווערן פון מזבח, און אוודאי איז דא דער מזבח הפנימי — די עבודה נעלית פון א אידן מיט זיך, אבער דער אור המנורה צינדט זיך אן ניט פון מזבח הפנימי, כאטש ער איז געשטאנען בסמוך לו, וואס דאס איז די עבודה פון פנימיות (הלב), נאר דוקא פון מזבח החיצון.

נאך מער: בדברי רש"י קומט אויס, אז דער אש, נאך זייענדיק אויף דעם מזבח החיצון, איז ער שוין פארבונדן מיטן אש המנורה. אין דעם ענין פון עבודת האדם: בכדי אז ביים יושב אוהל זאל זיך „אנצינדן" און לייכטן דער „אש" און אור התורה, דארף אים פריער זיין נוגע אז אויך ביי א אידן וואס געפינט זיך ב„חוץ" זאל ברענען און לייכטן דער „נר ה' נשמת אדם", און דעמולט ערשט קען ער אויפלייכטן זיין „נר ה'" מיטן „אור התורה".

און אט דער פארבונד פון מנורה מיטן מזבח החיצון (צו אפגעבן זיך מיט'ן חוץ)



איז אויך אזויפיל נוגע, אז דאס ווערט נרמז אין אונזער פסוק מיטן ווארט „תמיד". ווארום דער ענין פון „תמיד", די תמידיות אין דער עבודה פון א יושב אוהל, ווערט ביי אים אויפגעטאן דווקא דורכדעם וואס ער גייט דורך אויך נסיונות און שוועריקייטן פון „חוץ" און פארנעמט זיך מיט פועל זיין אויך אויף אנדערע אידן דעמאלט דערגרייכט ער אין זיין עבודה פון לימוד התורה צו דער מעלה פון תמידיות.

לקוטי שיחות חי"ז ע' 50 ואילך

## יהי רצון

**הסעיפים: א.** שתרחם עלינו ותמחול לנו על כל חטאתינו ותכפר לנו על כל עונותינו ותמחול ותסלח לנו על כל פשעינו, **ב.** ושיבנה בית המקדש [א. מי יבנהו, ב. ביהמ"ק ירד משמים והדלתות יועמדו בידי אדם, ג. תלוי אם זכו או לא זכו, ד. מה שאינו מפורש יתגלה משמים ומה שמפורש יעשה משיח, ה. משיח יבנהו וביהמ"ק שלמעלה יתלבש בביהמ"ק שלמטה, ו. אתערותא דלתתא ואתערותא דלעילא], **ג.** ונקריב [א. ענינו בעבודה להתקרב לאלקות, ב. שייך לכל אחד, ג. הקרבן צ"ל מן הבהמה שבלבו של האדם, ד. איך להגיע לזה, ה. ע"י הקרבן מתברר החשך], **ד.** לפניך, **ה.** קרבן תמיד [א. ענינו בעבודה, ב. קרבן בגימטריא ארך אפים], **ו.** שיכפר בעדנו [א. ע"י שרש הבהמה שמתהו שקדם אל התיקון, ב. ע"י הריח שמגיע בעצמות, ג. ע"י התשובה, ד. ע"י התפלה, ה. ע"י הקרבת הנה"ב, ו. טעם שצ"ל הקרבת בהמה הגשמי, ז. טעם שצ"ל סמיכה לכפר], **ז.** על ידי משה.

א. **שתרחם עלינו ותמחול לנו על כל חטאתינו ותכפר לנו על כל עונותינו ותמחול ותסלח לנו על כל פשעינו:**

ע' לקמן ס"ו סק"א (ואילך).

ב. **ושיבנה בית המקדש:**

(א) מי יבנהו:

בענין ביהמ"ק דלעתיד יש מחלוקת מי יבנהו, דעה אחת אשר בנוי ומשוכלל הוא „יגלה ויבוא משמים שנאמר[1] מקדש אדנ־י כוננו ידיך", ודעה שני' שבנינו יהי' בידי אדם, שמשיח יבנה את ביהמ"ק.

---

1) בשלח טו, יז.